לערנסט אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך צווישן
די אומות־העולם, זיך אָפּצוקערן פון (תורת) משה,
זאָגנדיק, אַז זיי זאָלן נישט מל זיין די קינדער, און
זיך נישט נוהג זיין לויט די (יידישע) מנהגים.
22 וואָס זשע וועט זיין? אין יעדן פאַל וועלן זיי
23 (דאָך) הערן, אַז דו ביסט געקומען. טו דעריבער
דאָס, וואָס מיר וועלן דיר זאָגן: ביי אונדז געפינען
זיך פיר מענער, וועלכע האָבן אַ נדר אויף זיך;
24 נעם די דאָזיקע און רייניק דיך מיט זיי, און באַצאָל
פאַר זיי, כדי זיי זאָלן זיך לאָזן אָפּגאָלן דעם קאָפּ;
און אַלע וועלן וויסן, אַז אין דעם, וואָס זיי האָבן
געהערט וועגן דיר, איז גאָר נישטאָ (קיין אמת),
נאָר אַז דו אַליין גייסט אויך אויפן דרך הישר,
25 און היטסט אָפּ די תורה. און וואָס שייך די גוישע
מאמינים, האָבן מיר שוין געשריבן אַ בריוו, באַשליסנ־
דיק, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהיטן (צו עסן) פון קרבנות צו
אָפּגעטער און פון בלוט און פון דערוואָרגן (פלייש)
26 און פון זנות. פּוילוס האָט דעמלט גענומען די מענער,
האָט זיך גערייניקט מיט זיי דעם אַנדערן טאָג, און
איז אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש אַריין, און
געלאָזט וויסן די דערפילונג פון די טעג פון רייניקונג,
ביז עס זאָל געבראַכט ווערן דאָס קרבן פאַר יעדן
איינעם פון זיי.
27 און ווען די זיבן טעג האָבן זיך שוין באַלד
געהאַט געענדיקט, האָבן יידן פון (קליין) אַזיען אים
דערזען אין בית המקדש, און האָבן אויפגעהעצט
דעם גאַנצן המון, און אַרויפגעלייגט זייערע הענט
28 אויף אים, שרייענדיק, אנשי ישראל, העלפט: דער
דאָזיקער מענטש איז עס, וואָס לערנט אַלעמען
אומעטום קעגן דעם (יידישן) פאָלק און דער תורה
און דעם דאָזיקן מקום (קדוש), נאָכמער, ער האָט